אויף שעראָקאָ גאַס איז געווען דאָס קאַריסאָווער שטיבל. צווישן די מתפללים זענען געווען: ר׳ אברהמע־לע זאַמבערג, אַן איידעם פון ר׳ אלתר וועלטשער; ר׳ אפרים זאַמבערג; ר׳ יודל האַלבערסבערג; ר׳ מרדכי האַלבערסבערג.

אויף יאַטעטשנאַ גאַס איז געווען דאָס סקערנעוויצער שטיבל. צווישן די מתפללים זענען געווען: ר׳ יהושיע קאַהן, איידעם פון סקערנעוויצער רבין; ר׳ אברהם חיים האַפערט; ר׳ משהלע גאַרדענקרויט. אויף נאַדסטאַוונאַ גאַס איז געווען דאָס קאַזמירער שטיבל.

ישיבות אין לובלין

צווישן אַלע יידישע ישובים אין פוילן האָט לובלין פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט ביים פאַרשפרייטן תורה דורך ישיבות.

געווען איז דאָס דורך דעם, וואָס לובלין איז אין 16־טן און 17־טן י״ה געווען דאָס זיצאָרט פונעם דע־מאָלטיקן יידישן סיים, דעם וועד ארבע ארצות, צו וועלכן עס זענען זיך צונויפגעקומען די גרעסטע רבנים, לומדים, פרנסים אאַ״וו.

די ערשטע ישיבה אין לובלין איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1518 דורך דעם דעמאָלטיקן לובלינער רב ר׳ שלום שכנא, אַ תלמיד פון ר׳ יעקב פּאָלאַק. נאָך דער פטירה פון ר׳ שלום שכנא איז דער אַמט פון ראש ישיבה אַריבערגעגאַנגען צו זיין זון ר׳ ישראל. אַזוי איז כסדר דער אַמט פון ראש ישיבה איבערגעגאַנגען צו די רבנים. ד״ה, אַז גלייכצייטיק מיטן אַמט אַלס רב איז אויך איבערגענומען געוואָרן דער אַמט פון ראש ישיבה. אַזוי האָבן די דעמאָלטיקע רבנים געהאַט דעם טיטל „אב בית־דין״, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיטן מהרש״ל, מהר״ם אאַ.

ביסלעכווייז אָבער איז דער רום פון דער ישיבה פאַרבלאַסט. דאָס לערנען תורה איז אַריבער אין די בתי־מדרשים. די לובלינער ישיבה האָט פאַרלאָרן איר פאַרנעם ווי אַ ישיבה פאַר אַלע יידישע ישובים און האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

אַ שטיקל צייט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געגרינדעט געוואָרן אין לובלין אַ ישיבה אונטערן נאָ־מען „אהבת תורה״, וועמענס ראש ישיבה ס׳איז גע־ווען ר׳ ברוך קאַצקער. די ישיבה האָט אָבער געטראָגן אַ ריין לאָקאַלן כאַראַקטער. אַזוי האָט עס געדויערט ביזן יאָר תרפ״ב (1922), ווען עס האָט זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט פונעם פוילישן אָרטאָדאָקסישן יידנטום דער שפּעטערדיקער לובלינער רב ר׳ מאיר שפּירא, אַ מענטש מיט אַ ווייטן וועלטבליק און אַ גרויסער איני־ציאַטיוו. ער האָט באַשלאָסן צוריקצוגעבן לובלין זיין אַלטן גלאַנץ אויפן געביט פון ישיבות און שאַפן דאָרט אַ צענטראַלע ישיבה מיט אַן אַלגעמיין־יידישן פאַרנעם.

„ישיבת חכמי לובלין״

אויף דער איניציאַטיוו פון ר׳ מאיר שפּירא איז אַנט־שטאַנען די באַוווסטע „ישיבת חכמי לובלין״. דאָס איז געווען אַ וועלט־ישיבה, ד״ה אין איר האָבן גע־

די פאָן פון „ישיבת חכמי לובלין״

לערנט די בעסטע טאַלאַנטן פון דער גאַנצער יידישער תלמודישער וועלט.

פיל יוגנטלעכע האָבן זיך אַ לענגערע צייט געלערנט און צוגעגרייט, כדי צו קאָנען אָפּגעבן דעם עקזאַמען און אָנגענומען צו ווערן אַלס תלמיד אין דער באַרימ־טער ישיבה.

דער בנין פון דער ישיבה איז געווען אַ ריזיקע געביידע מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען: וואַסער־לייטונג, צענטראַל־הייצונג, ווענטילאַציע אאַ״וו. דער צענטער פון דער ישיבה איז געווען דער שיעור־זאַל.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
לובלין - דאס בוך פון לובלין ספר קהילה עמוד מס: 173 הודפס ע״י אוצר החכמה